# שופטים

א. אויפן פסוק[1] „אך הנביא אשר יזיד לדבר דבר בשמי את אשר לא צויתיו לדבר ואשר ידבר בשם אלקים אחרים גו'", זאגט די גמרא[2]: „אך הנביא אשר יזיד לדבר דבר בשמי זה המתנבא מה שלא שמע, ואשר לא צויתיו הא לחבירו צויתיו זה המתנבא מה שלא נאמר לו, ואשר ידבר בשם אלקים אחרים זה המתנבא בשם ע"ז". און דערפון לערנט מען אָפּ, אַז די אַלע דריי סאָרטן נביאי השקר איז „מיתתן בידי אדם" — ווי דער סיום הכתוב „ומת הנביא ההוא" וואָס מיינט אַז מיתתן בידי אדם — מיתת חנק.

וויטער זאָגט די גמרא[3]: „המתנבא מה שלא נאמר לו — כגון חנני' בן עזור כו'". און די גמרא איז מבאר, אַז די „נבואה" וואָס חנני' האָט געזאָגט „כה אמר ה' וגו' שברתי את עול מלך בבל"[4], האָט ער עס אָפּגעלערנט מיט אַ ק"ו פון נבואת ירמי' „כה אמר ה' צבאות הנני שובר את קשת עילם"[5]. און וויבאַלד אַז ער האָט עס אָפּגעלערנט פון דער נבואה וואָס איז געזאָגט געוואָרן צו ירמי', איז עס אַזוי ווי „נאמרה לחבירו" און האָט אַ דין פון „מתנבא מה שלא נאמר לו", נאָר אויך אַ „מתנבא מה שלא שמע". וואָרום אין זיין נבואה, האָט ער צו די ווערטער „שברתי את עול מלך בבל" אויך מוסיף געווען „בעוד שנתים ימים"[6] — אַ זאַך וואָס דער אויבערשטער האָט כלל ניט געזאָגט. (און דאָס וואָס די גמרא זאָגט דאָרטן „המתנבא מה שלא שמע כגון צדקי' בן כנענה" (און ניט חנני'), איז עס דערפאַר וואָס צדקי' איז געווען פאַר חנני').

און דערמיט איז דער מהרש"א מבאר דעם לשון הפסוק „לא שלחך ה' ואתה הבטחת את העם הזה על שקר"[7], אַז „לא שלחך ה'" באַציט זיך צו זיין נבואה „שברתי את עול מלך בבל", וואָס כאָטש זי איז געווען אמת, איז אָבער „לא שלחך ה'" — „מתנבא מה שלא נאמר לו"; און „ואתה הבטחת את העם הזה על שקר" באַציט זיך צו זיין הבטחה „בעוד שנ־תים ימים גו'", וואָס איז געווען אַ שקר — „מתנבא מה שלא שמע".

ב. לויט דעם איז לכאורה פאַר־שטאַנדיק דער פירוש אין די וויטער־דיקע ווערטער פון פסוק „לכן כה אמר ה' הנני משלחך גו' השנה אתה מת"[8] — וואָס „לכן" באַציט זיך דאָ צו די פריער־אויסגערעכנטע צוויי חטאים: „לא שלחך ה'" און „ואתה הבטחת גו' על שקר", אויף וועלכע עס קומט מיתה בידי אדם —

1) פרשתנו יח, כ.

2) סנה' פט, א. וראה ספרי (כאן פסוק יט) ורש"י (כאן פסוק כ). רמב"ם הל' ע"ז פ"ה הל' ו־ח.

3) סנה' שם. וראה גם ספרי כאן.

4) ירמי' כח, ב.

5) שם מט, לה.

6) שם כח, ג.

7) שם, טו.

8) שם, טז.

אַז דאָס וואָס חנני׳ איז נענש געוואָרן בעונש מיתה, איז עס געווען

[ניט קיין ענין פון „מיתה בידי שמים״ — וואָרום אויף די דערמאָנטע חטאים קומט ניט קיין מיתה ביד״ש נאָר מיתה בידי אדם, און אָנצונעמען אַז ער האָט פריער[9] עובר געווען אויף אַן אַנדער עבירה פאַר וועלכע עס קומט מיתה ביד״ש איז בכלל שווער צו זאָגן, וואָרום[10] דאַן וואָלט עס ערגעץ־וואו געדאַרפט דערמאָנט ווערן — נאָר]

מצד דעם וואָס ער האָט עובר געווען אויף די צוויי עבירות הנ״ל פאַר וועלכע עס קומט מיתה בידי אדם, נאָר היות ווי ב״ד האָבן אים ניט דן געווען [צי ווייל דאַן איז קיין סנהדרין ניט געווען, אָדער ווייל „רבים מרשעי ישראל עזרו לו״[11]], איז געקומען זיין מיתה מלמעלה[12], ע״ד ווי די גמרא[13] זאָגט (בנוגע לזמן הזה[14]) אַז „דין ד׳ מיתות לא בטלו״.

זאָגט אָבער דער אַלטער רבי אין תניא[15]: „ובמיתה בידי שמים מת ממש קודם ששים שנה[16] כחנני׳ בן עזור הנביא בירמי׳״. איז דאָך ניט מובן: פון וואַנען נעמט עס דער אַלטער רבי אַז חנני׳ בן עזור איז געשטאָרבן בעונש מיתה ביד״ש — ניט ווי עס קוקט אויס בפשטות, אַז ער איז געווען חייב מיתת בית דין און איז געשטאָרבן מצד „דין ד׳ מיתות״?

ג. נאָך מער דאַרף מען דאָ פאַרשטיין:

אין דער זעלבער סוגיא[17] שטייט אויך, „ושלשה מיתתן בידי שמים . . הכובש את נבואתו, והמוותר על דברי נביא, ונביא שעבר על דברי עצמו״. און די גמרא[18] זאָגט „והמוותר על דברי נביא כגון חברי׳ דמיכה . . ונביא שעבר על דברי עצמו כגון עדו הנביא״.

איז דאָך ניט מובן: אפילו אויב דער אַלטער רבי האָט שוין אַ הוכחה אַז חנני׳ איז געשטאָרבן במיתה בידי שמים — צוליב וואָס אָבער דאַרף ער ברענגען אַ ראי׳ פון חנני׳ בן עזור (וואָס בפשטות ווייזט גאָר אויס, כנ״ל, אַז ס׳איז געווען אַן ענין פון „דין ד׳ מיתות״) — ער האָט דאָך געקענט ברענגען אַ ראי׳ פון חברי׳ דמיכה און פון עדו הנביא, וואָס ביי זיי שטייט בפירוש אַז זיי זיינען געווען חייב מיתה בידי שמים, און אין

9) ועכ״פ לפי הקס״ד דסנה׳ פא, א.

10) ובפרט שנאמר בכתוב „לכן״, כבפנים.

11) חדא״ג מהרש״א לסנה׳ (פט) שם. וראה לקמן הערה 29.

12) ומה שנאמר בו „וימת״ סתם, אף שצ״ל מעין מיתה בידי אדם (חנק) שנתחייב בה (וביותר יקשה לדעת ר״ש דאין חנק הקלה במיתות (סנה׳ עט, ב)) — אפשר ש„זכות תולה לו״ — כתירוץ התוס׳ כתובות ל, ריש ע״ב. סנה׳ לז, ב (ומכיון שמקודם נביא אמת הי׳ — מסתבר שהי׳ לו זכות). וגם אפשר שמת בסרונכי שבאה במקום חנק (ראה כתובות וסנה׳ שם).

13) כתובות וסנה׳ שם.

14) ועד״ז בזמן שהיו סנהדרין אלא שמצד סיבה לא דנו אותו (ראה תוס׳ סנה׳ שם).

15) אגרת התשובה פ״ד.

16) ובכרת, הי׳ מת קודם חמשים שנה — כ״ה באגה״ת שם. והוא כשיטת הירוש׳ ביכורים רפ״ב, כפי׳ התוס׳ (שבת כה, א ד״ה כרת. יבמות ב, א ד״ה אשת). וראה לקו״ש ח״ה ע׳ 134 הערה 21.

17) סנה׳ פט, א. וראה גם ספרי ורש״י שבהערה 2. רמב״ם הל׳ יסוה״ת פ״ט ה״ב וג׳.

18) סנה׳ שם, סע״א ואילך. וראה גם ספרי שם.

תנ״ך[19] ווערט דערציילט ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען?

ד. אָט די אַלע קשיות באַוואָרנט דער אַלטער רבי אַליין בסגנון לשונו:

בעת ער ברענגט די ראי׳ פון חנני׳ בן עזור אַז „במיתה בידי שמים מת ממש״[20], באַנוגנט ער זיך ניט מיטן שרייבן בלויז „כחנני׳ בן עזור״, נאָר ער איז אויך מוסיף צוויי ווערטער „הנביא״ און „בירמי׳״. וואָס דאָס פאָדערט דאָך ביאור:

א) אין תנ״ך איז פאַראַן בלויז איין חנני׳ בן עזור. איז צוליב וואָס דאַרף דער אַלטער רבי מוסיף זיין דעם סימן „הנביא״?

די קשיא איז נאָך שטאַרקער: אין דעם וואָס דער פסוק רופט אָן חנני׳ בן עזור בשם „נביא״[21], זיינען פאַראַן צוויי פירושים: (א) ווייל ער איז פריער געוועזן אַ נביא אמת[22]. (ב) מיט „נביא״ מיינט דאָ דער פסוק נביא שקר[23].

ולכאורה דאַרף מען זאָגן, אַז מיטן וואָרט „הנביא״ וואָס דער אַלטער רבי ברענגט בשייכות צו מיתת חנני׳ בן עזור, מיינט ער

[ניט לויט דעם פירוש „נביא אמת״ — וואָרום די סיבה פון „וימת חנני׳״ איז דאָך ניט דאָס וואָס ער איז פריער געוועזן אַ נביא אמת, נאָר אדרבה, דאָס וואָס דערנאָך האָט ער געזאָגט אַ נבואת שקר — נאָר ער מיינט]

לויט דעם פירוש אַז דער פסוק באַצייכנט אים מיטן נאָמען „חנני׳ הנביא״ דערפאַר וואָס ער איז געוועזן אַ נביא שקר.

אָבער אויך לויט דעם פירוש, האָט ניט קיין אָרט לכאורה, צו ברענגען דאָ דעם וואָרט „הנביא״ — ווייל לויטן אַלטן רבי׳נס שיטה אַז חנני׳ איז מת בידי שמים, דאַרף מען דאָך לכאורה זאָגן, אַז ער איז געשטאָרבן איבער אַן אַנדער ענין און ניט איבער דעם וואָס ער איז געוועזן אַ „נביא״ שקר — וואָרום אַ נביא שקר קומט דאָך ניט קיין מיתה בידי שמים נאָר מיתה בידי אדם!

ב) שוין געוועדט פיל מאָל, אַז דער אַלטער רבי איז ניט מציין קיין מראי מקומות, סיידן ווען דער ענין וועלכן ער ברענגט שטייט (בשינוי) אויך אין נאָך ערטער (אָדער ווען דורכן ציון גופא קומט צו אַ תוספות ביאור, אַזוי ווי „ביואל״ און „בישעי׳״[24]).

דאַרף מען פאַרשטיין: דער סיפור

---

19) מ״א כ, לו. יג, כא־כד.

20) החידוש שב„מת ממש״ — ומה ש־הוזקק להביא הוכחה לזה*

— וכן לפני זה בנוגע לכרת „מת ממש״ —

י״ל, כי ישנו כרת שהוא רק בנוגע להנפש ו„אין להם כרת בגופם אלא לפעמים שיחיו ויגיעו לימים רבים וגם עד זקנה ושיבה״ (רמב״ן ס״פ אחרי); וכש״כ שכצ״ל במיתה בידי שמים — דקיל מכרת,

ולכן מדייק אדה״ז „מת ממש״ (כי ס״ל דלא כהרמב״ן**. או — שמדבר כאן בסוג הא׳ והג׳ שברמב״ן שם (אבל ל״מ כלל באגה״ת שיש חילוק בכריתות בזה)), וכחנני׳ כו׳ — בנוגע למיתה בידי״ש, וכש״כ בנוגע לכרת — דחמירא מיני׳.

21) ירמי׳ כח, א. ה. ועוד.

22) ירושי׳ סנה׳ פי״א ה״ה.

23) תרגום ורד״ק לירמי׳ שם.

24) אגה״ת פ״א וב׳. וראה הביאור בזה בלקו״ב בס׳ התניא ח״ב ע׳ ע ואילך (אגה״ת עם ליקוט פירושים כו׳ (קה״ת, תשמ״ו) ע׳ פז ואילך). וראה גם שם ע׳ סב ס״א וע׳ סו ס״ה (ליקוט פירושים שם ע׳ פא וע׳ פד) — בנוגע למה שמציין (בפ״א דאגה״ת) לפ׳ נצבים.

*) אין לומר שהוכחתו היא על „מת כו׳ קודם ששים שנה״ — כי בכלל לא נתפרש בן כמה שנים הי׳ חנני׳ (במיתתו).

**) וראה גם לקו״ש חכ״ב ע׳ 308.

וועגן חנני׳ בן עזור שטייט אין תנ״ך בלויז איין מאָל, איז צוליב וואָס דאַרף ער מציין זיין „בירמי׳״?

ה. נאָך מער פלא איז:

לאחרי ווי דער אַלטער רבי זאָגט „כשעבר עבירה שחייבים עלי׳ כרת הי׳ מת ממש קודם חמישים שנה, ובמיתה בידי שמים מת ממש קודם ששים שנה כחנני׳ בן עזור הנביא בירמי׳״ — נאָך אידער ער איז מסיים זיין קשיא „והרי נמצאו בכל דור כמה וכמה חייבי כריתות ומיתות והאריכו ימיהם ושנותיהם בנעימים״[25] — איז ער מוסיף, אין חצאי עיגול: „ולפעמים גם במיתה בידי שמים נפ־רעין לאלתר, כמו שמצינו בער ואונן״.

איז אין דעם ניט מובן:

א) זיין קשיא „והרי נמצאו בכל דור כמה וכמה חייבי כריתות ומיתות והאריכו ימיהם ושנותיהם כו׳״, איז דאָך נאָר פון דעם וואָס די חייבי מיתות האָבן דערגרייכט דעם עלטער פון ששים און העכער; פון דעם וואָס מען איז פון זיי ניט נפרע געוואָרן לאלתר — קען מען דאָך קיין קשיא ניט פרעגן, וואָרום „נפרעין לאלתר״ איז דאָך נאָר „לפעמים״.

איז צוליב וואָס ברענגט ער דאָ דעם ענין „ולפעמים כו׳ נפרעין ל־אלתר״, בשעת זיין קשיא איז נאָר פון דעם וואָס „מת ממש קודם ששים שנה״?

ב) פון דעם לשון „גם במיתה בידי שמים נפרעין לאלתר״ איז קלאָר, אַז וועגן איין ענין ווייס מען שוין פון פריער אַז „נפרעין לאלתר״. און ב־המשך צו דעם זאָגט ער, אַז אויך ביי מיתה בידי שמים איז מען (לפעמים) נפרע לאלתר[26]. ולכאורה, וואו רעדט ער פריער[26*] וועגן אַן ענין וואָס „נפרעין לאלתר״?

ו. איז דער ביאור אין דעם, אַז מיטן מוסיף זיין די ווערטער „הנביא״ און „בירמי׳״, מיינט דער אַלטער רבי צו מוכיח זיין, אַז „וימת חנני׳״ איז ניט געווען קיין ענין פון „דין ד׳ מיתות (וואָס) לא בטלו״, נאָר ס׳איז געווען מיתה בידי שמים (כדלקמן סעיף ז־ח);

און מיט זיין הוספה „ולפעמים גם במיתה בידי שמים נפרעין לאלתר״ איז ער מבאר, ווי אַזוי פון „וימת חנני׳״ איז אַ הוכחה אויף יעדער מיתה בידי שמים אַז „מת ממש״ (כדלקמן סעיף ט׳).

וואָס דערמיט ווערט אויך פאַרענטפערט, בדרך ממילא, פאַרוואָס דער אַלטער רבי ברענגט ניט קיין ראי׳ פון חברי׳ דמיכה און עדו הנביא —

---

25) הטעם לזה שמוסיף „בנעימים״ — ראה לקו״ש שם הערה 26.

26) ופשוט שאין לומר שכוונתו ב„גם״ היא, שלפעמים נפרעין גם לאלתר (ואין מח־כים עד שיהי׳ קרוב לבן ששים) — כי א) מאי נפקא־מינה כאן?, ב) לפ״ז הול״ל „ולפעמים במיתה כו׳ נפרעין גם לאלתר״, וממ״ש „גם במיתה ביד״ש כו׳״ מוכרח כבפנים.

26*) ואולי יל״פ: 1) גם במיתה ביד״ש (אף שבאם יחכו אפשר יעשה תשובה ויפטר) — לא רק במיתה בידי אדם* (שאין תשובה מועלת).

2) גם במיתה ביד״ש נפרעין לאלתר (ואפילו הוא קודם נ׳ שנה — וכמו ער ואונן שמביאם לדוגמא — אף שאינו חייב כרת) — לא רק בכרת.

אבל גם עפ״ז קשה — מאי נפק״מ כאן.

*) יתרה במיתה ביד״א — דצ״ל ביומו (רמב״ם הל׳ סנה׳ פי״ב ה״ג).

ווייל פון זייער מיתה איז ניטאָ קיין ראי' אַז ביי יעדער מיתה בידי שמים איז אויך „מת ממש" (כדלקמן סעיף יו"ד).

ז. אַז חנני' בן עזור האָט געזאָגט אַ נבואת שקר, איז וועגן דעם גע־קומען דער בירור ערשט צוויי יאָר שפּעטער נאָכדעם ווי ער האָט גע־זאָגט די נבואה — בעת מען האָט געזען אַז זיין נבואה „בעוד שנתים ימים גו'" איז ניט מקויים געוואָרן

[וואָרום זיין נבואה איז דאָך געווען „לטובה", און „כל דבר טובה שיגזור הא־ל אפילו על תנאי אינו חוזר"[27], און וויבאַלד אַז נבואתו לא נתקיימה, האָט מען געוואוסט קלאָר אַז „הבטחת את העם הזה על שקר"].

אָבער כל זמן די שנתים ימים זיי־נען ניט דורכגעגאַנגען, האָט מען ניט געקענט וויסן אויף זיכער אַז ער איז אַ נביא שקר[28], ובמילא האָט מען אים ניט געקענט דן זיין[29].

און היות ווי בית דין שלמטה האָט אים ניט געקענט דן זיין ביז עס וועלן אַריבער די „שנתים ימים", האָט אויך דער „דין ד' מיתות" מלמעלה ניט געקענט דאַן אויסגעפירט ווערן. וואָ־רום דער ענין פון „דין ד' מיתות" איז — אַז מלמעלה טוט מען דאָס זעלבע וואָס ב"ד שלמטה האָט גע־דאַרפט טאָן — קען דאָך ניט געמאָלט זיין אַז מלמעלה זאָל מען מעניש זיין מיטן דין ד' מיתות אין דער צייט וואָס ב"ד שלמטה האָט אים ניט גע־קענט דן זיין.

[כי מסתבר בפשטות אַז אין פאַל ווען כלפי שמיא גליא אַז למטה וועט קיינמאָל ניט נתברר ווערן זיין דין און אַז ב"ד שלמטה וועלן אים קיינ־מאָל ניט קענען דן זיין, איז עס (לגבי דעם דין פון דעם מענטשן) בדוגמת ווי „בטלו סנהדרין", ובמילא איז מען אים מעניש מלמעלה ניט געקוקט אויף דעם וואָס ביי ב"ד שלמטה איז זיין דין ניט נתברר געוואָרן[30]. בעת אָבער אַז כלפי שמיא גליא אַז זיין דין וועט שפּעטער נתברר ווערן למטה, איז כל זמן אַז ב"ד שלמטה קענען אים ניט דן זיין — איז מען אים אויך מלמעלה ניט מעניש].

און דאָס מיינט דער אַלטער רבי מיט זיין ציון „בירמי'": אין ירמי'[31] שטייט „וימת חנני' הנביא בשנה ההיא", איידער עס זיינען אַריבער די „שנתים ימים" — איז דערפון גע־דרונגען, אַז זיין מיתה איז געווען ניט קיין דין ד' מיתות וואָס קומט אַנשטאָט מיתת ב"ד, נאָר אַן ענין פון מיתה בידי שמים[*31].

27) רמב"ם הל' יסוה"ת פ"י ה"ד — ע"פ מ"ש בירמי' שם, ז־ט.

28) ספרי ורש"י פרשתנו יח, כא. רמב"ם שם.

29) במהרש"א שם (נעתק לעיל סעיף ב'), שזה שלא דנו אותו למיתה הוא, לפי שכבר בטלו סנה' או לפי שרבים מרשעי ישראל עזרו לו. ומזה מוכח, דס"ל שגם קודם שעברו שנתים ימים ידעו שהוא נביא שקר. אבל לפענ"ד ממ"ש בספרי ורש"י (נסמנו בהערה הקודמת) „עתידין אתם לומר כו'", מוכח דס"ל כבפנים.

וע"פ מ"ש לקמן ס"ח שמה שלא ידעו מקודם שהוא נביא שקר הוא, לפי שלפנ"ז הי' נביא אמת — אפשר שפירוש המהרש"א הוא אליבי' דהתרגום (הובא לעיל סעיף ד') שסובר שכוונת הכתוב ב„הנביא" היא נביא שקר.

אבל לפ"ז צ"ע מה שמפרש בפשיטות אליבי' דהתרגום — ולא כבירוש' וספרי.

30) ראה מכות ו, ב. רש"י משפטים כא, יג. תוד"ה מיום (סנה' לז, ב).

31) כח, יז.

*31) ואף שנביא שקר חייב מיתה ביד"א (וראה לעיל ס"ב) — י"ל שהוא ע"ד כבמיתה ביד"א — שבאם א"א במיתה שהוא חייב בה — ממיתין אותו בכל מיתה שיכולין להמיתו (רמב"ם הל' סנה' פי"ד ה"ח).

ח. מען קען דאך אבער פרעגן:

ירמי' איז געווען מוחזק פאר א נביא אמת. היינט וויבאלד אז ירמי' האט געזאגט — בנבואה — אז „לא שלחך ה' גו' כי סרה דברת גו'"[32], האט מען דאך גלייך געוואוסט (נאך איידער עס זיינען פארלאפן די צוויי יאר), אז חנני' איז א נביא שקר. האט מען דאך אים געקענט גלייך דן זיין למיתה?

אויף דעם באווארנט דער אלטער רבי „כחנני' בן עזור הנביא" (און א ביאור נוסף בזה — וואס ברובא דרובא מיינט דאס נביא אמת אפילו בלשון תורה ועאכו"כ בלשון חכמים וראשו־נים וכו') מיינענדיק דערמיט (כפירוש המובא לעיל סעיף ד'), אז פריער איז ער געווען א נביא אמת[33]. ובמילא האט מען דאך ניט געקענט וויסן (ביזן סוף פון די שנתים ימים) ווער פון זיי (ירמי' צי חנני') זאגט אמת. איז דאך דערפון מוכרח, אז „וימת חנני' הנביא בשנה ההיא", איז געווען מיתה בידי שמים, כנ"ל.

ט. מען קען אבער נאך אלץ פרעגן:

וויבאלד אז בא וימת חנני' איז דער פסוק מוסיף (מדגיש) בשנה ההיא — איז משמע אז אין דעם איז דא א חידוש (ולדוגמא — כאטש דער זמן פון מיתה בידי שמים איז ערשט „קודם ששים שנה"), הייסט עס דאך, אז ביי דין חנני' איז געווען א חידוש מיוחד. היינט ווי קען מען אפלערנען פון א חידוש — אויף יעדער מיתה בידי שמים אז „מת ממש"?

דערפאר איז דער אלטער רבי מוסיף „ולפעמים גם במיתה בידי שמים נפ־רעין לאלתר", אז דאס וואס „וימת חנני' גו' בשנה ההיא" איז [ניט מצד אן ענין מיוחד וואס איז ביי אים גע־ווען — וואס איז ניט פארבונדן מיט מיתה בידי שמים, נאר] א פרט אין מיתה בידי שמים, ווייל „לפעמים (איז) גם במיתה בידי שמים נפרעין לאלתר".

י. ועפ"ז איז אויך פארשטאנדיק וואס ער ברענגט ניט קיין ראי' פון חברי' דמיכה און עדו הנביא — ווייל וויבאלד אז ביידע זיינען געשטארבן דורך אן ארי'[34], וואס דאס איז „דומי' דסקילה"[35] — מיתה הכי חמורה (אפילו צווישן די מיתות שבידי אדם), איז דאך ביי זיי געווען א חידוש וחומר מיוחד. ובמילא קען מען דער־פון ניט ברענגען קיין ראי' אז ביי יעדער „מיתה בידי שמים" איז „מת ממש" — און דערפאר ברענגט דער אלטער רבי א ראי' דוקא פון חנני' בן עזור.

און דעריבער פרעגט דערנאך דער אלטער רבי „והרי נמצאו בכל דור וכו' והאריכו ימיהם ושנותיהם בנעי־מים".

(משיחות ש"פ ויק"פ תשכ"ט)

---

32) שם, טו־טז.

33) עוד י"ל (נוסף על המבואר בפנים) — דמכיון שזהו פירוש הש"ס (כדלעיל הערה 22) — לכן כותב אדה"ז „הנביא" סתם.

34) מ"א כ, לו. יג, כד.

35) ראה סנה' שם (וש"נ): מי שנת־חייב סקילה . . חי' דורסתו.

# שופטים ב

א. אין פסוק „ויספו השוטרים גו' מי האיש הירא ורך הלבב ילך וישב לביתו"[1] ברענגט רש"י אראפ (אין צווייטן ד"ה) די ווערטער „הירא ורך הלבב" און איז מפרש[2]: „ר' עקיבא אומר כמשמעו, שאינו יכול לעמוד בקשרי המלחמה ולראות חרב שלופה[3]. ר' יוסי הגלילי אומר הירא מעבירות שבידו. ולכך תלתה לו תורה לחזור על בית וכרם ואשה, לכסות על החוזרים בשביל עבירות שבידם שלא יבינו שהם בעלי עבירה והרואהו חוזר אומר שמא בנה בית או נטע כרם או ארש אשה".

איז אין דעם ניט מובן:

א) דער ענין „הירא ורך הלבב" דארף, לכאורה, ניט האבן קיין הסברה; ס'איז א דבר המובן, אז בעת מען גייט אין א מלחמה איז מעגלעך אז מ'זאל מורא האבן

[וואס דערפאר האט משה רבינו גע־דארפט אנזאגן „כי תצא למלחמה על אויבך גו' לא תירא מהם"[4]: און אויך ביי יעדער מלחמה באזונדער, דארף דער כהן זאגן „אל ירך לבבכם אל תיראו גו'"[5]].

היינט וואס איז דא שווער אין „הירא ורך הלבב", וואס צוליב דעם דארף עס רש"י מפרש זיין?

ב) ווען רש"י געפינט שוין פאר נויטיק צו מפרש זיין „הירא ורך הלבב" — וואס דארף ער אנקומען צו צוויי פירושים? ס'איז פארשטאנדיק וואס דער פי' „הירא מעבירות שבידו" אליין איז ניט גענוג — ווייל די פשוט'ע משמעות פון „הירא ורך הלבב" איז: ער האט מורא פאר דער מלחמה גופא (פונקט ווי „ירך לבבכם" און „תיראו" וואס שטייט פריער, וועלכע זיינען א (מעגלעכע) תוצאה פון „אתם קרבים גו' למלחמה"); פארוואס אבער באג־נוגנט זיך ניט רש"י מיטן ערשטן פי' „שאינו יכול לעמוד בקשרי המל־חמה כו'", ובפרט אז ער איז (ווי רש"י ברייגגט אראפ דעם לשון חז"ל און זאגט) „כמשמעו"[6]?

---

1) פרשתנו כ, ח.

2) והוא במשנה סוטה מד, סע"א. וראה גם ספרי כאן (כמה שינוים).

3) וב' ענינים אלו — שאינו יכול לעמוד כו' ולראות כו' — הם לנגד ב' הלשונות שבפסוק — הירא ורך הלבב.

4) לעיל כ, א.

5) שם, ג.

6) בגו"א כאן: שטעמא דריה"ג (שהירא ורך הלבב אינו כמשמעו), כי להירא „כמשמעו" — הכהן יכול לומר לו עוד הפעם „אל תירא כי ה"א ההולך עמכם גו'", ולמה יחזור מהמלחמה בחנם. אבל אין לומר שזהו טעמו של רש"י בזה שאינו מסתפק בפירושו הראשון כאן, כי — אפילו ל„בן חמש (למקרא)" פשוט הוא, שאפשר שה־ציווי „לא תירא גו'" (אף שבא בהסברה — „כי ה"א ההולך עמכם גו' להושיע אתכם", מ"מ) לא יועיל לזה שהוא ירא ורך הלבב (ולהעיר מרמב"ם הל' מלכים ספ"ז).

ולא עוד אלא שמפורש הוא בקרא ובכ"מ: (ר"פ בשלח) דאין עצה לבטל החשש „פן ינחם העם בראותם מלחמה" ולכן „לא נחם אלקים דרך ארץ פלשתים"; במעשה מרגלים ועוד.

ובפרט בנדו"ד, ש(לכאורה) היראה מבו־ססת אף „כי ה"א ההולך עמכם" — שהרי התורה עצמה אומרת „פן ימות במלחמה"* (וראה להלן הערה 13).

*) בגו"א כאן ד"ה ולפיכך תלתה: ש(גם אליבא דר"ע) החשש „פן ימות במלחמה" הוא דוקא למי שבנה בית, נטע כרם וכו'.